STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02116

MENDELE MOYKHER SFORIM (SHALOM YAAKOV ABRAMOVITSH)

Mani Leib

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מאַני לייב

מענדעלע מוכר ספרים

(שלום יעקב אַבראַמאָוויטש)

●

ביאָגראַפיע

צו זיין 100־יעריקן געבורטסטאָג

אַרויסגעגעבן פון
מענדעלע יובילײ־קאָמיטעט
פאַר די אַרבעטער־רינג שולן

ניו־יאָרק, 1936

מענדעלע מוכר ספרים

(שלום יעקב אבראמאָוויטש)

געבוירן דעם 20טן דעצעמבער, 1835

געשטאָרבן דעם 8טן דעצעמבער, 1917

די גאַנצע אידישע וועלט פייערט איצטער דעם גרויסן יום-טוב פון די הונדערט יאָר, זינט שלום יעקב אַבראַמאָוויטש — מענדעלע מוכר ספרים (מויכער ספאָרים), דער „זיידע" פון אונזער אידישער ליטעראַטור איז געבאָרן געוואָרן.

מענדעלע מוכר ספרים ווערט פאַררעכנט פאַר דעם ערשטן גרויסן אידישן שרייבער און פאַר איינעם פון די גרעסטע אין אונזער ליטעראַטור ביז אונזערע טעג.

מענדעלע ווערט אויך פאַררעכנט פאַר דעם „זיידן" פון אונזער ליטעראַטור, און דעם שיינעם נאָמען „זיידע" האָט ער ערלאַך פאַרדינט. איר דאַרפט וויסן, קינדער, אַז דער „זיידע" אונזערער איז געווען דער ערשטער אידישער שרייבער, וואָס האָט אָנגעהויבן בויען אונזער נ י י ע שיינע אידישע ליטע-ראַטור; און ער איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט טאַקע אונזער ליטעראַטור אַרויסגעפירט אויף נייע גרויסע וועגן פון דער וועלט-ליטעראַטור.

און דערפאַר, קינדער, וועלן מיר זיך טיילן, אויף וויפיל מיר וויסן, מיט דער מעשה פון אונזער „זיידנס"-לעבן.

„זיידעס", ווי איר ווייסט, ווערן ניט געבאָרן קיין פאַרטיקע זיידעס. מענטשן ווערן זיידעס, ווען בײ זײ ווערן געבאָרן אייניקלאַך... און אונזער „זיידע" מענדעלע איז אויך ניט גע-באָרן געוואָרן קיין פאַרטיקער „זיידע"; ער איז אפילו ניט געקומען אויף דער וועלט קיין מענדעלע, און אוודאי ניט קיין פאַרטיקער מענדעלע מוכר ספרים'ניק...

בקיצור, דער אמת'ער נאָמען פון אונזער זיידן איז געווען שלום-יעקב אַבראַמאָוויטש; און געבוירן געוואָרן איז אונזער „זיידע" מיט הונדערט יאָר צוריק אין 1835, דעם 20טן דעצעמ-

בער, און לויט אונזער סטיל — דעם 1טן יאנואר, אין דער ליטע, אינ׳ם קליינעם שטעטל קאפוליע, מינסקער גובערניע.

שלום-יעקב׳ס טאטע-מאמע זיינען געווען פון די געהויבענע און שענסטע באלעבאטים אין קאפוליע און האבן געשמ׳ט אין דער גאנצער געגנט ארום. זיין טאטן האט מען גערופן חיים-משה און זיין מאמען — שרה-נעסיע.

דאס שטעטל קאפוליע איז פון אלע יארן געווען אן ארט פון תורה (טוירע). און ר׳ חיים-משה איז געווען א גרויסער למדן און א גוטער, פרומער מענטש: פאר גאט און פאר לייט. זיין צייט האט ער אפגעגעבן צו תורה, און צו פרנסה און אויך צו שטעטלשע קהל׳שע זאכן.

לאנגע יארן האט ר׳ חיים-משה געצויגן חיונה (כיאונע) פון דער „פלייש-טאקסע" פון שטעטל. ער איז אויך א לאנגע צייט געווען „קאזיאנער" רב אין שטעטל. ער פלעגט אויך האלטן שיינע דרשות (דראשעס) פאר דעם עולם אין קאפוליע. דערצו איז ער נאך געווען א גרויסער קענער אין תנ״ך און פלעגט שיין שרייבן לשון-קודש מיט מליצה נאכ׳ן גוסט פון יענער צייט.

שלום-יעקב׳ס מאמע איז געווען אן אידעלע שוואכע פרוי מיט א פארפרומט, בלייך פנים; די אידלקייט האט פון איר ארויסגעשיינט. זי איז געווען א וואוילקענעוודיקע, געוואוסט פון אלערליי תחינות, געלייענט די צאינה-וראינה (צענא-אורענא) און אנדערע ווייבערשע ספרים, און זי פלעגט ווייזן די ווייבער אין שול, וואס און ווען צו דאווענען און פלעגט אויך פירלייענען פאר די ווייבער אין שול פול מיט הארץ און פרומקייט.

זייער הויז איז געווען תמיד פול מיט מענטשן: דער אריין, דער ארויס. גאנץ קאפוליע פלעגט קומען צו ר׳ חיים-משה׳ן פרעגן עצות (אייצעס) און זיך מישב זיין מיט אים וועגן יעדער

קליינִיקייט. אין קאַפּוליע האָט מען אויך געגלויבט, אַז ר׳ חיים-משה איז אַ קענער אין דאָקטאָריע, און נאָר עפּעס אַ שלאַפקייט — פלעגט מען לויפן צו אים זוכן אַ מיטל. ר׳ חיים-משה האָט זיך אויך אַליין געהאַלטן פאַר אַ שטיקל דאָקטער, ווייל ער איז געווען אַליין אַ שוואַכער מענטש און פלעגט ליידן פון אַ סך שלאַפקייטן. דערצו פלעגט ער נאָך אַמאָל ליב האָבן אַריינקוקן אין רפואה-ביכלאַך, וואָס ווערן געשריבן פאַר׳ן פאָלק.

און אָט אין אַזאַ הויז און ביי אַזעלכע טאַטע-מאַמע איז געוואַקסן אונזער שלום-יעקב.

און שלום-יעקב איז געוואַקסן אַ שיין, אַ קלוג און אַ געראָטן קינד און מיט אַ שאַרף קעפּל צום לערנען; און ביי זיין ערשטן מלמד, ר׳ משה פלאָטקעס, האָט ער אויסגעלערנט אין איין יאָר, וואָס אַנדערע קינדער דאַרפן אויף דעם פאַרברענגען אין חדר אַ צוויי-דריי יאָר.

און שלום-יעקב איז געווען שטאַרק באַליבט ביי טאַטע-מאַמע, ביים גאַנצן הויזגעזינד און אויך ביי פרעמדע מענטשן. דאָס קינד איז געווען באַליבט פאַר זיין לעבעדיקייט, פאַר זיינע קלוגע איינפאַלן און נאָכמער — פאַר זיינע „אָנשטעלן" און נאָכמאַכן אַלע אַרומיקע. שוין פון זיינע ערשטע יאָרן איז אינ׳ם קינד געלעגן דער גוסט און די פייאיקייט אויפצוכאַפּן אויפ׳ן ערשטן בליק יענעמס אַ מינע, אָדער אַ וואָרט און ער פלעגט עס באַלד קונציק נאָכמאַכן; ער פלעגט נאָכמאַכן, ווי יענער רעדט, ווי יענער לאַכט און ווי יענער שטייט און גייט.

און טאַטע-מאַמע האָבן אינגיכן דערזען, אַז ביי זיי וואַקסט אַ געראָטן קינד, אַז פונ׳ם קינד וועט אויסוואַקסן אַ לייט. האָט ר׳ חיים-משה זיין געראָטן קינד געשיקט לערנען צו די בעסטע מלמדים אין קאַפּוליע.

„לערנען" אין יענער צייט האָט געהייסן לערנען גמרא.

פון אַנדערע לימודים האָט דעמאָלט אַ אידיש קינד ניט געטאָרט וויסן. אַפּילו לערנען תנ"ך איז געווען ווי אַ מין פּסול'ע (פּאַ-סעלע) זאַך פאַר קינדער.

ר' חיים-משה איז אָבער געווען אַליין אַ גרויסער קענער פון תנ"ך און אַ ליבהאָבער פון דעם שיינעם געפּליגלטן וואָרט; און דערפאַר האָט ער געשיקט זיין קינד לערנען אויך תנ"ך און אַביסל דקדוק אויך.

און אין עלטער פון זעקס-זיבן יאָר, הייבט אָן אונזער שלום-יעקב לערנען די אַלע זאַכן ביי דעם מלמד ר' יוסי ראובנ'ס.

ר' יוסי ראובנ'ס איז דעמאָלט געווען אַ איד אין די מיטלע יאָרן, אַ דאַרער, אַ קורצזיכטיקער, מיט אַ בלייך פּנים, אַן איי-דעלער און אַ גוטער מענטש, און איז ביי אַלעמען אין שטעטל געווען שטאַרק באַליבט. זיין איידלקייט, זיין שטייגער לעבן און אַלע זיינע גוטע מידות האָבן אַרויסגעוויזן, אַז אין אים שטעקט אַ שטיקל קינסטלער. ער האָט געהאַט אַ גוטע האַנט צו שרייבן און צו מאָלן, צו שניצן און קריצן אויף קופּער און אויף שטיינער.

אין קאַפּוליע האָט מען אים מכבד געווען מיט שניצן דעם אָרון-קודש (אָרן-קוידעש), מאָלן דעם „מזרח" (מיזרעך), שלאָגן מצבות (מאַצייוועס), קריצן חתימות (כסימעס) און אָפטמאָל מאַכן מוסטערן פאַר כלה-מיידלאַך אויף אויסהעפטן און אויס-נייען פאַר זייערע חתנים (כאַסאַנים) שיינע תפילין-זעקלאַך.

דער שטייגער פון לערנען מיט קינדער איז ביי ר' יוסי ראובנ'ס געווען אַזאַ: ער זיצט און לערנט מיט זיינע תלמידים און אַרבעט דערביי: ער מאָלט עפּעס, אָדער ער שטעכט און צייכנט עפּעס אויף קופּער. די אַרבעט האָט אים ניט געשטערט לערנען מיט די קינדער.

מיר דערציילן די מעשה וועגן שלום-יעקב'ס מלמד, ר' יוסי

ראובנ׳ס, דערפאַר, וואָס דער זעלבער מלמד האָט געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אויף אונזער גערעטענעם שלום-יעקבֿ׳ן. און ווייל שלום-יעקבֿ אַליין, ווען ער איז שוין געוואָרן דער באַרימטער „מענדעלע מוכר ספרים״ דערמאָנט אים מיט גרויס ליבשאַפט אין זיין וואונדערלאַך בוך: „שלמה ר׳ חיימ׳ס״.

מ׳מוז אויך דערמאָנען, אַז ביי דעם זעלבן מלמד האָט אונזער „זיידע״ אפשר אויך איבערגענומען זיין שיינעם געפערלטן כתב און אפשר אויך דעם ווילן צו אַרבעטן כסדר (קעסיידער) מיט חשק און שניצן און שלייפן יעדעם וואָרט באַזונדער, אַז עס זאָל ארויסקומען קינסטלעריש, אָן אַ שום פּגימה׳לע...

און שלום-יעקבֿ וואַקסט צו טאַטע-מאַמעס פרייד אַ שיין, געזונט אינגל, מיט שוואַרצע, ברענענדיקע אויגן און מיט אַ שוואַרצן געקרויזטן קאָפּ האָר, און איז שטאַרק אַריינגעטאָן אין לערנען. נאָר אַ קינד בלייבט אַ קינד. ווייל שלום-יעקבֿ, ווען ער לערנט — איז געלערנט, און איז אינ׳ס לערנען מיט לייב און לעבן. נאָר קוים האָט ער אָפּגעלערנט און צוגעמאַכט דעם ספר, איז ער אַ קינד ווי אַלע קינדער: ער שטיפט, ער קערט איבער אַ וועלט און איז אַ יונג מיט ביינער.

שלום-יעקבֿ איז בטבע געווען אַ הייסבלוטיקער אינגל און וואָס ער פלעגט טאָן, פלעגט ער עס טאָן מיט׳ן גאַנצן פייער פון זיין היציקער נשמה. אַזוי אין לערנען — אַזוי אין שפּיל.

שלום-יעקבֿ איז שוין אינגלווייז געווען אַ גרויסער פאַנטאַזיאָר, און אַלץ וואָס ער פלעגט לערנען, פלעגט אָנצינדן זיין הייסע פאַנטאַזיע און אַוועקטראָגן אים ווי אויף פליגל ערגעץ הויך אין ווייטע, שיינע וועלטן.

נאָך פיר יאָר לערנען ביי ר׳ יוסי ראובנ׳ס האָט זיך די תורה פאַר שלום-יעקבֿ׳ן ביי דעם רבי׳ן אויסגעלאָזט, און ער האָט אָנגעהויבן לערנען ביי זיין טאַטן.

ר׳ חיים-משה איז געווען אַ פאַרנומענער מענטש און

פלעגט לערנען מיט זיין זון ווען ס׳פלעגט זיך מאַכן: אַמאָל ביי־טאָג און אַמאָל ביינאַכט און אָפטמאָל אפילו פאַרטאָג. דער טאַטע פלעגט דעם אינגל אויפרייסן פון שלאָף באַגינען און גיין מיט אים לערנען אין קלויז.

באַגינען. פינצטער. גאַנץ קאַפּוליע שלאָפט. דער דריי־טער האָן האָט נאָך ניט געקרייעט. נאָר אין דער פינצטערער, פוסטער קלויז טונקלט אַ ליכטל, און פאַר׳ן ליכטל זיצט דער פרומער איד ר׳ חיים־משה און לערנט מיט זיין אינגל שלום־יעקב׳ן גאָטס תורה. שלום־יעקב׳ס יונג קול׳כל (קעלכל) הילכט אַריבער זיין טאַטנס קול. שלום־יעקב האָט גרויס פאַרגעניגן פון לערנען מיט׳ן טאַטן באַגינען אין קלויז. זיינע געבליטן צעשפּילן זיך איצטער; זיין פאַנטאַזיע ווערט פלאַם־פייער; זיין האַרץ ווערט צעגאַנגען פון זיסע געפילן — און ער לערנט, און דער ניגון פון זיין לערנען צעגיסט זיך אין יעדן ווינקעלע פון דער גרויסער ליידיקער קלויז...

נאָר אונזער שלום־יעקב׳ס געפילן האָבן זיך שוין ניט באַ־נוגט מיט׳ן לערנען אַליין. דער פּאָעטישער פונק, וואָס איז אין אים געלעגן פאַרבאָרגן, האָט אין אים אָנגעהויבן פאַנאַנדער־צוגליען דורך אַ געפיל פון ליבשאַפט צו דער שיינער נאַטור.

אַזוי ווי דאָס לערנען מיט׳ן טאַטן פלעגט זיין אין אַ ניט באַשטימטער צייט, פלעגט איצט שלום־יעקב אָפט פאַרלאָזן זיין הויז און פלעגט זיך לאָזן גיין אויסער דעם שטעטל. דאָ, הינטער׳ן שטעטל שפּרייטן זיך גרינע פעלדער, לאָנקעס און טאָלן, וואָס ציען זיך ווייט, ווייט אַוועק, ווי דאָס אויג קאָן נאָר כאַפּן.

דאָ, אויף דער פריי, פלעגט שלום־יעקב פאַרברענגען זיינע טעג, וואו די פרייע נאַטור האָט געוועקט אין זיין יונג האַרץ פאַרבאָרגענע געפילן, וואָס פלעגן זיך ביי אים אויסגיסן אין אַ מין ניגונ׳דל אָן ווערטער, אָדער אין אַ געזאַנג פון זמירות,

אָדער גאָר אין עפּעס אַ ווײַנענדיקס, און זײַן קול פֿלעגט פֿאַר־קלינגען די אַרומיקע פֿעלדער.

שלום־יעקב איז שוין, קענטיק, דעמאָלט געווען אַ פּאָעט, נאָר ער האָט עס אַליין ניט געוואוסט.

און אַזוי דערוויטערט ער זיך פֿאַמעלאַך, פֿונ׳ם לערנען, אין וועלכן ער איז פֿריער געווען אַרײַנגעטאָן מיט זײַן גאַנצן לײַב און לעבן. איצט ציט אים כּסדר צו דער פֿרײַער נאַטור, צו נײַע חברים, זיי מעגען זײַן עלטער, צי אינגער פֿון אים. איצט כאַפּט ער זיך אָפּט אַרײַן צום שכן, דעם שמיד, אין קוז־ניע, זיצט דאָרט אין אַ ווינקל און קוקט פֿאַרטראַכט ווי די פֿונקען שפּריצן פֿונ׳ם האָרן און פֿון אונטער די האַמערס, און הערט בשעת־מעשה (בעשאַס־מײַסע) די אַלערלײַ ווערטלאַך און מעשׂיות, וואָס דער שמיד האָט גערעדט און דערציילט.

דער שמיד, שוין אַן אַלטער מאַן, איז תּמיד געווען פֿריילאַך און באַוועגעוודיק, ווי אַ אינגל. און אַזוי איז אויך געווען דער צווייטער שכן, דער סטאָלער, אין וועלכן עס האָט געשטעקט אַ נשמה פֿון אַ קינסטלער, וואָס די סטאָלערײַ איז בײַ אים געווען ניט אַזוי צוליב דער פּרנסה, ווי צוליב דעם פֿאַרגעניגן צו שניצן שיינע זאַכן...

און דער שמיד און דער סטאָלער זײַנען געוואָרן שלום־יעקב׳ס פֿרײַנט צו ווען זײַן יונג האַרץ איז שטאַרק צוגע־בונדן געוואָרן; און זיי בײדע האָבן געצונדן העלער דאָס פֿײַערל פֿון אַ קינסטלער אין זײַן נשמה.

דערווײַל האָט זיך דאָס רעדל בײַ שלום־יעקב׳ס טאַטע־מאַמע איבערגעדרייט, און ר׳ חיים־משה׳ס געשעפֿטן האָבן אָנגעהויבן גיין אַלץ ערגער און ערגער. דאָס שטעטל קאַפּוליע איז שטאַרק פֿאַראָרימט געוואָרן; מענטשן האָבן אונטערגע־הונגערט און געגעסן ווינציק פֿלייש; און די „טאַקסע“, וואָס האָט פֿריער ר׳ חיים־משה׳ן געגעבן גענוג פּרנסה, איז איצט

שטאַרק געשלאָגן געוואָרן. ר׳ חיים-משה דער בעל-טאַקסע האָט עס באַלד דערפילט, און אין זיין שטוב האָט זיך גאָר אינגיכן אָנגעהויבן פילן דחקות (דאַכקעס) און נויט; און פון גרוים צער און זאָרג איז ר׳ חיים-משה שטאַרק קראַנק געוואָרן און גיך פון דער וועלט געגאַנגען און איבערגעלאָזט נאָך זיך אַן אָרימע אַלמנה מיט עטלאַכע קליינע יתומים.

אונזער שלום-יעקב איז שוין איצט אַ בחור׳ל פון אַ יאָר צוועלף-דרייצן. ער איז שיין און שטאַלטנע געוואַקסן. נאָר שלום-יעקב איז געבליבן אַ יתום ביי אַן אָרעמער מאַמע, אַן אַלמנה און אים איז פינצטער און ביטער דאָס לעבן. קרובים און פריינט פון דער אַלמנה געפינען פאַר נויטיק אָוועקצושיקן שלום-יעקב׳ן ערגעץ אין דער פרעמד אין אַ ישיבה, כדי ער זאָל זיך ניט אַרומדרייען פוסט און פּאָס און כדי פּטור צו ווערן פון אַן איבעריקן עסער ביי דער אָרעמער אַלמנה.

און פון איצטער אָן הייבט זיך אָן שלום-יעקב׳ס נעוונד לעבן פון איין אָרט אינ׳ם צווייטן צווישן פרעמדע מענטשן אין דער פרעמד. און שלום-יעקב׳ן איז באַשערט געווען, ער זאָל אין די יונגע יאָרן פאַרזוכן דעם ביטערן טעם פון אַרומוואָגלען אין פרעמדע מקומות (מעקוימעס) און אויסזיין אין פאַרשיידענע שטעט און שטעטלאַך אין דער ליטע און שפּעטער מגולגל ווערן אויף שטענדיק אין די ווייטע מקומות אין דער אוקריינע. אָבער די אַלע וואַגלענישן זיינע האָבן פאַר אים געעפנט אַ וועלט מיט וועלטעלאַך, וואו ער האָט געקענט צוקוקן זיך מיט זיינע אָפענע אויגן צום אַרומיקן אידישן לעבן, וואָס ער האָט שפּעטער אַזוי מייסטעריש געמאָלן אין זיינע ביכער.

און אין אָנהייב זומער, ווען די פעלדער און גערטנער האָבן אויפגעגרינט, געזעגנט זיך אונזער שלום-יעקב מיט זיין בליי-

כער מאַמען דער אַלמנה, מיט זיינע ברידער און שוועסטער די יתומים, מיט זיינע גוטע פריינט, מיט זיין געבורט-שטעטל קאַפוליע און לאָזט זיך אַוועק אין דער פרעמד לערנען אין ישיבות און „עסן טעג" ביי פרעמדע טישן.

דאָס ערשטע אָרט, וואוהין שלום-יעקב קומט, איז דאָס נאָענטע שטעטל מיטקעוויטש. מיטקעוויטש איז ניט קיין אָרט פאַר לערנען תורה. נאָר שלום-יעקב איז איצט ניט אַזוי אויסן געווען צו לערנען תורה, ווי צו „עסן טעג", ווייל קיין אַנדער תכלית (טאַכלעס) איז פאַר אים ניט געווען.

דערפאַר האָט זיך שלום-יעקב דאָ, אינ'ם פרעמדן שטעטל, באַקענט צום ערשטן מאָל מיט'ן לעבן פון די חסידים און זייערע פירונגען. אין זיין קאַפוליע זיינען געווען לויטער מתנגדים (מיסנאַגדים), און קיין חסיד האָט מען דאָרט ניט געלאָזט דעם קאָפּ אויפהייבן. שלום-יעקב'ן זיינען די חסידים מיט זייערע פירונגען שטאַרק געפעלן געוואָרן. נאָר זיין יונג האַרץ האָט אים געצויגן צוריק אַהיים אין זיין קאַפוליע. און שלום-יעקב האַלט לאַנג ניט אויס און — סקאַצל קומט — ער קומט אַהיים...

נאָר דער דלות אין דער מאַמעס שטוב האָט אים באַלד פון דער היים ווידער פאַרטריבן.

דאָס מאָל לאָזט ער זיך אַוועק אין דער שטאָט סלוצק און זעצט זיך אַוועק לערנען אין דער ישיבה.

זיצט ער אין סלוצק און לערנט תורה, און סלוצקער אידן ווערן נתפעל (ניספּאָעל) פון דעם קאַפּוליער בחור'ל.

נאָך סלוצק וואַלגערט זיך אַרום אונזער שלום-יעקב אין עטלאַכע אַנדערע ליטווישע שטעטלאַך, ביז ער קומט קיין ווילנע, וואוהין אַ רייכער קרוב (קאָרעוו) האָט אים אַרויס-גערופן.

זיצט ער אין ווילנער ישיבות און אין גאונ׳ס קלויז און לערנט. ער לערנט גאַנצע טעג און אָפט גאַנצע נעכט. אין ווילנע פאַרברענגט ער אָבער נאָר אַ ניין חדשים. שלום־יעקבֿ׳ן איז שוין לאַנג נמאס (נימעס) דאָס ארומוואַלגערן זיך אין דער פרעמד, דאָס „עסן טעג“ ביי פרעמדע טישן; און נאָך אַ צוויי יאָר נע־ונד זיין, קערט ער זיך צוריק קיין קאַפּוליע.

דורך דער צייט האָט שלום־יעקבֿ׳ס מאַמע, שרה־נעסיע די אַלמנה, חתונה געהאַט פאַר אַן אַלמן, אַן אַרענדאַר, וואָס האָט געהאַלטן אַ מיל אין אַ דערפל, מעלניקי, אַ צען מייל פון קאַ־פּוליע, וואוהין זי איז אַוועק וואוינען מיט די קלענערע קינדער.

בלאָנדזשעט אַרום שלום־יעקבֿ אין זיין געבורט־שטעטל קאַפּוליע און האָט ניט קיין היים און האָט ניט וואו דעם קאָפּ אַוועקצולייגן. און שלום־יעקבֿ׳ן איז ווידער ניט גוט.

נאָר שלום־יעקבֿ׳ן ווערט באַלד פריילאַך אויפ׳ן האַרצן: זיין שטיף־טאַטע און די מאַמע זיינע רופן אים צו זיך אין דעם דערפל מעלניקי.

לאָזט זיך שלום־יעקבֿ לאַנג ניט בעטן און פאָרט אַוועק צו זיין מאַמען.

און דאָ ביי דעם אַרענדאַר, כדי ניט צו עסן קיין אומזיסט ברויט, לערנט ער מיט דעם אַרענדאַרס קינדער עטלאַכע שעה (שאָ) אַ טאָג.

נאָך די צוויי יאָר אַרומשלעפּן זיך איבער פרעמדע שטעט און שטעטלאַך, וואו געטאָגט און וואו גענעכטיקט, און וואו ער האָט געמוזט „עסן טעג“, פילט זיך שלום־יעקבֿ גליקלאַך אינ׳ם קליינעם דערפל.

דאָס דערפל איז אַרומגערינגלט מיט גרויסע וועלדער, צווישן וועלכע עס פלייצט אַ היפּשער טייך. אויף איין זייט טייך קוקן דאָ אַרויס פון צווישן די גרינוואַרג און ביימער אַ

דריי קליינע פויערשע שטיבלאַך; און אויף דער אַנדער זייט טייך שטייט האַרט לעבן וואַלד אַן איינאיינציק הויז מיט קליינע פענצטערלאַך און אַ הויכן אַלטן דאַך; און אין דעם הויז וואוינט דער אידישער אַרענדאַר מיט זיין הויזגעזינד.

דאָ, אינ'ם פּיצל דערפל, טומלט ניט ווי אין שטאָט. דער־פאַר שוויבלט און גריבלט דאָ אין די וועלדער און פעלדער מיט כל'ערליי באַשעפענישן: חיות און פייגל; און אין די ווינטערנעכט הערט מען דאָ אפילו דאָס וואָיען פון הונגעריקע וועלף.

און דאָ, אינ'ם שטילן אָרט, אָפּגעזונדערט פון מענטשן און נאָנט צו דער פרייער שיינער נאַטור, וואָס שלום־יעקב האָט אַזוי היים ליב באַקומען אין זיינע ערשטע קינדערשע יאָרן, האָט זיך אינ'ם בחור צום ערשטן מאָל אויפגעוועקט דאָס פּאָעטישע געפיל און אים געטריבן אויסצוגיסן דאָס האַרץ אויף פּאַפּיר.

און אונזער שלום־יעקב ווערט אַן אמת'ער פּאָעט און הייבט אָן שרייבן העברעאישע לידער און אפילו אַ דראַמע אין פערזן.

פאַרשטייט זיך, אַז זיינע ערשטע שאַפונגען זיינען נאָך קינדעריש און מ'קאָן נאָך אין זיי ניט דערקענען דעם שפּעטער־דיקן גרויסן קינסטלער.

נאָר דאָס פּראָסטע שטילע דאָרפישע לעבן דערעסט אים באַלד, און ס'ציט אים צוריק אין קאַפּוליע צו חברים און פריינט, צו דער קלויז, וואו ער האָט געהאַט פאַר זיך אויסער גמרות אויך אַנדערע ספרים, וואָס זיינען אים געווען צום האַרצן, — און אונזער שלום־יעקב קערט זיך אום ווידער קיין קאַפּוליע און זעצט זיך לערנען אין בית־המדרש.

און אַזוי פּאַמעלינקע איז אונזער שלום־יעקב אויסגעוואַקסן

א שיינער און א הויכער זיבעצן-יעריקער בחור, און ער האט שטארק גענומען קלערן וועגן א תכלית פאר זיך.

און זיין מאמע שרה-נעסיע, האט אויך שטארק געטראכט וועגן איר קינדס תכלית. און א תכלית פאר א זיבעצן יעריקן בחור אין יענע צייטן איז געווען — חתונה מאכן אים, ער זאל ווערן אן איידים אויף „קעסט" און ווערן א לייט מיט לייטן גלייך.

טרעפט א מעשה, אז אין קאפוליע קומט אן פון זיינע ווייטע וואונדערונגען איינער א דארטיקער איד. אברמ׳ל (אווּרעמל) דער הינקעדיקער, וואס האט מיט זיין פערד און וועגל ארומגעשלעפט זיך אין די ווייטע מקומות, אזש אין וואלין. און דער אברמ׳ל דער הינקעדיקער דערציילט זיך אן וואונדער, וואס ער האט זיך אנגעזען אין וואלין.

— וואלין, — האט ער דערציילט, — איז א געבענשט ארט מיט אלעם גוטן. ווייסע חלה און קוילישט עסט מען דארט אפילו אין די וואכנטעג, און אז א וואלינער ארימאן לעבט א סך בעסער, ווי א היגער ליטווישער גביר...

קורץ, די קאפוליער אידן האבן אויסגעשטעלט מויל און אויערן און האבן געשלונגען זיינע רייד. אברמל׳ס מעשיות וועגן וואלין האבן אויף קאפוליער אידן געמאכט אזא רושם, אז א סך אידן האבן טאקע איינגיכן פארלאזן קאפוליע און געלאזט זיך וואנדערן קיין וואלין, וואו מ׳עסט ווייסע חלה און קוילישט אין די וואכנטעג.

דער זעלבער אברמ׳ל דער הינקעדיקער האט אויך שטארק גענומען איינריידן פארן אין וואלין שלום-יעקב׳ס א מומע פון דער מאמעס צד, אן עגונה מיט א קליין קינד, וואס אברמ׳ל האט קלוימערשט באגעגנט איר מאן אין יענע מקומות (מעקוי-

מעֶם). ער האָט זי אויך איינגערעדט מיטנעמען מיט זיך שלום־יעקב'ן, ווייל אין יענע מקומות זיינען די אידן עמי־הארצים (אַמעראַצים) און פּראָסטאַקעס, און אַז עס קומט צו זיי אַ וואויל לערנער, אַ ליטוואַק, כאַפּן זיי אים אויף ווי אַ מציאה און זיי גילטן אים ממש אָפּ... און אַזאַ וואויל־קענער ווי שלום־יעקב'ן, וועלן זיי געווים אויפכאַפּן און אָפּגילטן..

און אברמ'ל דער הינקעדיקער זאָגט זיי צו, אַז באַלד נאָך פּסח פאָרט ער ווידער אין וואָלין, און אַז ער קען זיי ביידן מיט־נעמען אויף זיין פערד־און־וועגל, און אַז ער וועט זיי ברענגען בשלום אין יענע וואונדערלאַכע מקומות.

שלום־יעקב האָט אַפילו פאַרשטאַנען, אַז דער אברמ'ל זוכט מסתמא זיינע אייגענע טובות. פונדעסטוועגן האָט ער זיך גע־לאָזט איינרעדן און ער האָט אויך צוגערעדט זיין מומען צו פאָרן. שלום־יעקב'ן האָט זיך, קענטיק, שטאַרק געוואָלט אַרויסרייסן פון קאַפּוליע און זוכן זיין מזל אין דער ווייטער, ברייטער וועלט.

און טאַקע באַלד נאָך פּסח לאָזט זיך אַוועק אונזער זיבעצן־יעריקער שלום־יעקב אין דער ווייטער וועלט אַריין מיט אברמ'־לען און דער מומען.

שלום־יעקב לאָזט זיך אין דער ווייטער וועלט ווי ער שטייט און גייט: ער נעמט נאָר מיט זיינע כתבים (קסאָווים), זיין פּאַספּאָרט, עטלאַכע גראָשן, און אַ שוואַרץ ברייטל, וואָס זיין שוועסטער האָט אים מיטגעגעבן אויפ'ן וועג...

און — וויאָ! — אברמ'ל גיט דאָס פערדל אַ שמיץ מיט דער בייטש, און אונזערע פאַרשוינען לאָזן זיך אין וועג.

און אויפ'ן צווייטן טאָג פאָרן הייבן זיך אָן אונזער שלום־יעקב'ס צרות.

דער וועג איז בלאָטיק ביז איבער'ן ראָד, די מומע מיט'ן

קינד זיצן אין וועגל, און ער מיט אברמ׳לען מוזן גיין אין בלאָ־טע צופוס און העלפן דעם פערדל שלעפן אין בלאָטע דאָס וועגל מיט די פאַרשוינען.

געדאַרפט האָבן זיי פאָרן גלייך צו באַסאַראַביע, וואו אברמ׳ל האָט קלוימערשט באַגעגנט דער עגונה׳ס מאַן. נאָר אברמ׳ל איילט זיך ניט און שלעפט זיך פּאַמעלאַך פון שטעטל צו שטעטל און שטעלט זיך אָפּ אין יעדן שטעטל אויף אַ פּאָר טעג.

און אומעטום, וואו זיי שטעלן זיך אָפּ, שיקט אברמ׳ל אונזער שלום־יעקב׳ן אין אַ קלויז אריין און אַליין גייט ער צום דאָרטיקן רב, דערציילט מיט אַ ביטער האַרץ די מעשה פון דער אָרעמער עגונה. דער רב ווערט גערירט און גיט אברמ׳לען אַ בריוו צו אידן, מ׳זאָל באַהילפיק זיין אַן אָרעמער עגונה; און אַברמ׳ל גייט און שנאָרט און בעטלט ביי אידן און מאַכט גוטע געשעפטן...

שלעפן זיי זיך אַזוי פון אָרט צו אָרט, ביז זיי קומען אין דער שטאָט לוצק. דאָ אין לוצק האָט אברמ׳ל געהאַט אַ פּלאַן צו פאַר׳שדכנ׳ען אונזער שלום־יעקב׳ן פאַר אַ גביר׳ס אַ טאָכ־טער און כאַפּן דערביי שיינע שדכנות־ (שאַדכאָנעס) געלט..

שלום־יעקב נעמט שטאַרק אוים ביי די לוצקער אידן. און ס׳טרעפט גראָד, אַז יונגעלייט פון קלויז קלייבן זיך מאַכן אַ חברה פון „העלפן אָרעמע", און מ׳איז מכבד דעם יונגן אורח אָנצושרייבן פאַר זיי אין פּנקס די פירונגען פון דער חברה.

שלום־יעקב, וואָס האָט געהאַט אַ פּערלדיקע האַנטשריפט און האָט שוין געקענט די חכמה פון שרייבן אין מליצה, האָט פאַר דער חברה אָנגעשריבן די פירונגען אַזוי קונציק, אַז גאַנץ לוצק האָט זיך ניט געקענט אָפּ׳חידוש׳ן..

אַברמ׳ל האָט דאָס אַלץ געוואָלט אויסנוצן פאַר אַ גוטן שידוך. און באַלד קומט ער און זאָגט אָן מיט פרייד שלום־

יעקב׳ן, אַז ער, שלום־יעקב, איז שוין מיט מזל אַ חתן פאַר אַ רייכער, שיינער כלה... און אַז ער זאָל באַלד גיין אין דער כלה׳ס הויז, מ׳וואַרט דאָרט אויף אים..

שלום־יעקב האָט שוין געוואוסט, וואָס פאַר אַ פאַרשוין דער אַברמ׳ל איז, און אַז יענער זוכט אים צו פאַר׳שדכנ׳ען צוליב די שדכנות־געלט... און שלום־יעקב האָט זיך איינגעשפאַרט, אַז ער וועט בשום אופן ניט ווערן קיין חתן, אַז ניט צוליב ח ת ו נ ה האָבן איז ער אַרויסגעפאָרן אין דער ווייטער וועלט...

און שלום־יעקב האָט אויסגעפירט.

און אַזוי שלעפּט זיך אַברמ׳ל ווייטער מיט זיינע פאַרשוינען: ער שלעפּט זיך מיט זיי וואָכן און וואָכן, פון שטעטל צו שטעטל, ביז זיי קומען אין וואָלין און פּאָדאָליע. און אַברמ׳ל, וואו זיי קומען, שטעלט ער זיך אָפּ און שנאָרט פאַר דער אָרעמער עגונה מיט׳ן קינד און אומעטום זוכט ער אַ שידוך פאַר אונזער שלום־יעקב׳ן.

אונזער שלום־יעקב איז אָבער איינגעשפאַרט. ער לאָזט זיך ניט פאַרדרייען דעם קאָפּ מיט אַ שידוך; ער וויל בעסער זיין אַ פרייער מענטש, זען אַ וועלט, לערנען און ווערן אַ לייט...

און אַזוי פאָרן זיי ווייטער, און אין אַ רעגנדיקן טאָג קומען זיי אָן אין דער שטאָט קאַמענעץ־פּאָדאָלסק. דאָ לאָזט אַברמ׳ל ווידער איבער זיינע פאַרשוינען אין עפּעס אַ חורבה, אָן פענצטער און אָן טירן און לאָזט זיך אַוועק אויף זיין שטייגער צום רב און צו די אידן שנאָרן.

מאַכט זיך, אַברמ׳ל דער הינקעדיקער געפעלט ניט דעם דאָרטיקן רב, און ער קומט ביינאַכט צו זיינע פאַרשוינען מיט ליידיקן און אָנגעלאָדן מיט כעס אויף שלום־יעקב׳ן, און סטראַשעט, אַז אויב דער בחור וועט פון איצט אָן ניט וועלן ווערן

קיין חתן, לאָזט ער אים דאָ איבער אויף הפקר און וועט נאָך פֿאַרהאַלטן זיין פּאַספּאָרט, ביז ער וועט אים באַצאָלן פֿורגעלט פֿאַר דער גאַנצער צייט...

שלום-יעקב האָט יענע נאַכט מיט קיין אויג ניט צוגעמאַכט. ער איז געלעגן אין איינע יסורים, ווי אַזוי צו באַפרייען זיך פֿון אַברמ׳לען. און אַזוי טראַכטנדיק, דערמאָנט ער זיך, אַז טאַקע אין קאַמענעץ-פּאָדאָלסק דאַרף זיך געפֿינען זיינער אַ חבר פֿון קאַפּוליער קלויז, וואָס איז מיט יאָרן צוריק אַוועק פֿון דער היים און איז געוואָרן, ווי מ׳האָט אין קאַפּוליע דערציילט, אַ משורר ביים היגן חזן.

און איידער ס׳ווערט טאָג, לויפֿט אונזער שלום-יעקב זוכן זיין חבר. דאַרף טרעפֿן, אַז זיין חבר מיט׳ן חזן מיט די משוררים זיינען גראָד אין וועג און וועלן ערשט קומען צוריק אויף ימים-נוראים.

קומט שלום-יעקב מיט אַ ביטער האַרץ צוריק צו אַברמ׳לען אין דער חורבה, וואו אַברמ׳ל האָט אים גוט מכבד געווען פֿאַר זיין פֿאַרפֿאַלן ווערן...

און אַברמ׳ל שפּאַנט מיט כעס זיין פֿערד-און וועגל און מ׳לאָזט זיך פֿאָרן ווייטער.

דער רעגן האָט ניט אויפֿגעהערט גיסן און שלום-יעקב׳ן אויפ׳ן האַרצן איז ביטער און פֿינצטער, ווי דער הימל אין דרויסן: ער פֿילט, אַז ער איז אַ פֿאַרפֿאַלענער, אַז אַברמ׳ל קען אים יעדע ווײַלע איבערלאָזן אָן אַ גראָשן ביי דער נשמה און אָן אַ פּאַספּאָרט.

טרעפֿט גראָד, אַז שלום-יעקב ווערט געהאָלפֿן פֿון אַ מזל-דיקער פֿערדישער פּאָדקאָווע. די מעשה איז געווען אַזוי:

אַברמ׳לס פֿערדל דאַרף פֿאַרלירן אַ פּאָדקאָווע און אַברמ׳ל

שיקט שלום-יעקב׳ן זוכן די פּאָדקאָווע. קריכט שלום-יעקב צוריקוועגס אין דער בלאָטע און זוכט די פּאָדקאָווע.

פלוצלונג זעט ער, אַנטקעגן אים פאָרט אַ רייכע קאַרעטע מיט פיר פערד, פול אָנגעפּאַקט מיט חברה יונגעלייט, וואָס לאַכן פריילאַך און זינגען. שלום-יעקב שטעלט זיך אָפּ קוקן אויף די גליקלאַכע יונגעלייט; און פלוצלונג הערט ער, ווי פון דער קאַרעטע רופט אים אימיצער ביים נאָמען: „שלום׳קע! שלום-יעקב קאַפּוליער!“. און איידער וואָס וואָן, שפרינגט אַרויס פון דער קאַרעטע אַ יונגערמאַן און פאַלט שלום-יעקב׳ן אויפ׳ן האַלז קושן אים...

און שטעלט זיך פאָר, אַז דער יונגערמאַן איז געווען שלום-יעקב׳ס חבר, דער משורר, וועלכן ער האָט אַרומגעזוכט.

שלום-יעקב האָט אין קורצן אויסדערציילט דעם חבר זיינעם זיין ביטער האַרץ. און יענער האָט באַלד גע׳פּועל׳ט ביים חזן, ער זאָל אויסלייזן דעם בחור און באַצאָלן פאַר אים אַברמ׳לען פורגעלט און מיטנעמען אים קיין קאַמענעץ-פּאָדאָלסק.

און איצט הייבט זיך אָן אַ ניי קאַפּיטל אין אונזער שלום-יעקב׳ס לעבן.

דער חזן איז געווען אַ מענטש מיט אַ גוט האַרץ, האָט ער שוין געזאָרגט, אַז דער בחור זאָל ניט ליידן קיין נויט. האָט ער אים אַליין אוועקגעפירט אין גרעסטן בית-המדרש אין שטאָט, וואָס איז געווען רייך מיט ספרים און וואו ס׳האָבן געדאַוונט די אָנגעזעענסטע לייט פון שטאָט. און דער ליטווישער יונגערמאַן האָט דאָ שטאַרק אויסגענומען. יונגעלייט לערנער האָבן זיך אָנגעהויבן ווענדן צו אים מיט שווערע פראַגעס אין לערנען, און מיט דער צייט האָבן עטלאַכע גבירים פון שטאָט אים אָנגעבאָטן לערנען מיט זייערע דערוואַקסענע קינדער. און שלום-יעקב׳ן איז געווען גוט און וואויל..

שלום-יעקב האָט זיך אָבער ניט באַנוגנט מיט דעם, וואָס ער הונגערט ניט און ער האָט שוין פון אַלעם בעסטן, ווייל וואָס ווייטער האָט ער אָנגעהויבן פילן אַ גייסטיקן הונגער, אַ הונגער צו לערנען וואָס מער און צו וויסן וואָס מער.

אין יענער צייט האָט שוין צווישן אידן געשוועבט אין דער לופטן דער גייסט פון „השכלה״, פון אויפקלערונג און וועלט-לאַכער בילדונג. און אונזער שלום-יעקב האָט שוין דעמאָלט דערפילט דעם דאָרשט צו קענען און וויסן אַלע אַנדערע זאַכן, וואָס ער האָט ניט געפונען אין די הייליקע ספרים. און ער האָט אָנגעהויבן זוכן די ביכער, וואָס זאָלן אים פירן אויפ׳ן נייעם וועג, און אויך אַ וועגווייזער אַ גוטן...

און שלום-יעקב׳ן האָט אָפּגעגליקט צו געפינען אַ גאָר גע-הויבענעם וועגווייזער און טאַקע דאָ אין שטאָט. דאָס איז גע-ווען דער אידישער פּאָעט א. ב. גאָטלאָבער, וואָס איז אין יענער צייט געווען אַ לערער אין דער שטאָטישער אידישער רעגי-רונגס-שול.

דער פּאָעט גאָטלאָבער איז געווען אַ „משכיל״ — אַ וועלט-לאַכער און אַ געבילדעטער מענטש; און אָט שטייט אונזער בחור׳ל שלום-יעקב פאַר גאָטלאָבערן מיט אַ קלאַפּעדיק הארץ און שטאַמלט: ער האָט געבראַכט ווייזן זיינע העברעאישע „כתבים״ — לידער און אַ דראַמע אין פערזן און ער וואָלט גע-וואָלט הערן אַ מיינונג... ער וואָלט אויך וועלן לייענען אַלערליי גוטע ביכער, וואָס זאָלן אים בילדן און אויפקלערן..

גאָטלאָבער האָט דעם יונגנמאַן פיין אויפגענומען און מיט אַ שמייכל דורכגעקוקט זיינע קינדעריש געשריבענע זאַכן און האָט אים געזאָגט, אַז זיינע לידער און די דראַמע זיינען נאָך דערווייל ניט קיין צייטיקע פרוכט, אָבער ער זעט אין דעם יונגנמאַן אַ פּאָעטישן טאַלאַנט, וואָס וועט מיט דער צייט שאַפן גרויסע ווערק...

און פון איצט אַן איז אונזער שלום-יעקב געוואָרן אין גאָט-לאָבערם הויז אַ היימישער מענטש; ער באַקומט די בעסטע ביכער צום לייענען פון גאָטלאָבערם רייכער ביבליאָטעק און אונטער דער השגחה (האשגאָכע) פון גאָטלאָבערם טאָכטער הייבט ער באַלד אָן לערנען רוסיש, דייטש און אויך חשבונ'ען (כעשבענען). אין דער זעלבער צייט הערט ער אויך ניט אויף צו לערנען אין קלויז.

אַ סך פון די קאַמענעץ-פּאָדאָלסקער אָנגעזעענע באַלעבאַטים האָבן געוואָרפן אַן אויג אויף דעם גערעטענעם בחור און האָבן אים צורו ניט געלאָזן מיט פאַרשיידענע שידוכים, ביז.. ביז אונזער שלום-יעקב האָט זיך געלאָזט איינרעדן און האָט אין איין שיינעם טאָג חתונה געהאַט מיט אַ טאָכטער פון אַ דאָרטיקן גביר.

נאָר גאָר אינגיכן האָט זיך אונזער שלום-יעקב געכאַפּט, אַז ער איז שטאַרק דורכגעפאַלן מיט זיין חתונה האָבן. כאָטש זיין שווער איז געווען אַ רייכער און ניט קיין פּראָסטער מענטש, איז אָבער זיין יונגע ווייב געווען אַ צו פשוט'ע, אַן אָפּגעשטאַנענע און גאָר ניט קיין גלייכע פּאָר מיט אונזער גע-ראָטענעם שלום-יעקב'ן. און אין דריי יאָר ארום נאָך זייער חתונה האָט ער זיך מיט איר גע'גט...

אָבער אין די דריי יאָר, וואָס שלום-יעקב איז געווען אין הויז ביי זיין רייכן שווער, האָט ער אויף אַזוי פיל דערגרייכט אין וועלטלאַכע קענטעניש, אַז ער האָט אין דער צייט אויסגע-האַלטן עקזאַמען אויף לערער און האָט געקענט פאַרנעמען אַ לערער-שטעל אין דער שטאָטישער רעגירונגס-שול

אין יענער צייט איז אונזער שלום-יעקב אויך געוואָרן אַן אמת'ער שרייבער און האָט מיט דער הילף פון זיין לערער גאָטלאָבערן אָפּגעדרוקט זיין ערשטע אַרבעט — אַן אַרטיקל אין העברעאיש וועגן קינדער-ערציאונג.

דער אַרטיקל האָט באַלד געמאַכט אַ גרויסן רושם אויף די בעסערע לייענער פון יענער צייט. אפילו געלערנטע מענטשן אין דער פראַגע פון קינדער־ערציאונג, האָבן שטאַרק באַוואונ־דערט די נייע געדאַנקען פון דעם שרייבער. און גאָר אינגיכן, ווען דער אידישער געלערנטער אין יענער צייט, ל. מאַנדעל־שטאַם, איז מיט דעם בילדונגס־מיניסטער פאַרפאָרן קיין קאַמע־נעץ־פּאָדאָלסק און מ׳האָט זיי פאָרגעשטעלט אונזער שלום־יעקב׳ן, דעם שרייבער פון יענעם אַרטיקל, האָבן זיי זיך ניט געקענט אָפּוואונדערן, ווען זיי האָבן פאַר זיך דערזען אַ גאָר יונגן מאַן, ווייל זיי האָבן געמיינט, אַז דער שרייבער פון יענעם אַרטיקל מוז זיין אַן עלטערער וויסנשאַפטסמאַן...

און דער געלערנטער ל. מאַנדעלשטאַם האָט אים דעמאָלט געראָטן אַוועקוואַרפן די לערעריי און אַוועקפאָרן קיין פאַדוא, איטאַליען, און אַריין אין דער דאָרטיקער באַרימטער ראַבינער־שול, און ער האָט אים אפילו צוגעזאָגט, אַז ער וועט זען, אַז ער זאָל באַקומען אַ סטיפּענדיע פון דער רוסישער רעגירונג...

דער פּלאַן איז אָבער ניט דורכגעפירט געוואָרן.

בקיצור. מיר האַלטן שוין דערביי, אַז אונזער שלום־יעקב איז געוואָרן אַ שרייבער. און אַז זיין ערשטע אָפּגעדרוקטע זאַך, וואו ער שרייבט זיך אונטער: „ש. י בן חיים משה אַבראַ־מאָוויטש״, האָט שטאַרק אויסגענומען ביי דער געבילדעטער אידישער וועלט.

און אין דער עלטער פון דריי־און־צוואַנציק יאָר, פאַרלאָזט ער די שטאָט קאַמענעץ־פּאָדאָלסק, וואו ער האָט דורכגעמאַכט גוטס און שלעכטס, און ער פאָרט אַריבער אין דער באַרימטער אידישער שטאָט בערדיטשעוו.

אין בערדיטשעוו האָט אונזער שלום־יעקב אַ צווייט מאָל חתונה מיט דעם בערדיטשעווער נאַטאַריוס טאָכטער, מיט

ווען מען איז שוין באַשערט געווען צו לעבן אינאיינעם ביז׳ן סוף פון זיין לעבן.

און איצט ערשט, אין בערדיטשעוו, האָט זיך אונזער שלום־יעקב גענומען גאָר ערנסט צו זיין שרייבערשער אַרבעט.

דער שווער, דער נאָטאַריוס, האָט פון אים אַראָפּגענומען אינגאַנצן די זאָרג פון פּרנסה, און ער האָט געקענט זיצן ביים שרייבטיש און שרייבן, וואָס זיין האַרץ האָט געוואָלט..

און שלום־יעקב האָט איצט געוואָלט שרייבן אַ סך, אַ סך זאַכן.

שלום־יעקב האָט געוואָלט ווערן אַ העברעאישער פּאָעט; איז ער געוואָרן אַ פּאָעט און האָט געשריבן שירים.

שלום־יעקב האָט געוואָלט ווערן אַ קריטיקער, זאָגן זיין שאַרף וואָרט וועגן גוטע און שלעכטע ליטעראַרישע ווערק; איז ער געוואָרן דער בעסטער ליטעראַטור־קריטיקער אין זיין צייט, און די גאַנצע העברעאישע ליטעראַטור האָט זיך שטאַרק גערעכנט מיט זיין וואָרט.

דערנאָך האָט שלום־יעקב געוואָלט אויפקלערן די אידישע פאָלק־מאַסן, טיילן זיך מיט אַנדערע מענטשן מיט דער גאַנצער חכמה, וואָס ער אַליין האָט געלערנט; און שלום־יעקב וואַרפט זיך אַריין אין דער שווערער אַרבעט פון אָנשרייבן זיין „תולדות הטבע“, אַ גרויס בוך פון נאַטור־וויסנשאַפט אין העברעאיש, וואָס טיילווייז זעצט ער עס איבער פון דייטש, פון לענצעס נאַטורגעשיכטע, און טיילווייז באַאַרבעט ער עס זעלבשטענדיק לויט פאַרשיידענע גרויסע נאַטור־פאָרשער, וועמעס ווערק ער האָט געשטודירט.

שלום־יעקב שרייבט אויך אַ סך אַרטיקלען וועגן פאַרשיידענע וויכטיקע פראַגן. און שלום־יעקב אַבראַמאָוויטש פאַרנעמט דעם אויבנאָן אין דער העברעאישער ליטעראַטור, ווייל

אלץ, וואָס שלום־יעקב אַבראַמאָוויטש שרייבט, מאַכט אַ גע־וואַלדיקן רושם אויף דעם לייענער. זיין שפּראַך איז שיין און קלאָר, און קלאָר און טיף זיינען זיינע געדאַנקען...

שלום־יעקב אַבראַמאָוויטש האָט אויך געפּרואווט מאָלן בילדער פון׳ם אידישן לעבן אין אַ לענגערער העברעאישער דערציילונג: „האבות והבנים״. נאָר דער אמת׳ער גרויסער קינסטלער האָט זיך אין אים ערשט באַוויזן דעמאָלט, ווען ער האָט אָנגעהויבן שרייבן אין אידיש, אין שיינעם מאַמע־לשון, אונטער דעם נאָמען מענדעלע מוכר ספרים.

אָנהייבן שרייבן אין יענער צייט אויף פּשוט׳ן מאַמע־לשון פאַר אַזאַ באַרימטן העברעאישן שרייבער, ווי שלום־יעקב אַב־ראַמאָוויטש איז געווען, צו דעם האָט מען געדאַרפט האָבן אַ באַזונדער גבורה און אַ סך מוט.

אין יענער צייט האָבן די בעסטע אידישע שרייבער גע־שריבן אין דער העברעאישער שפּראַך, וואָס נאָר אַ קליינער טייל פון פאָלק האָט די שפּראַך פאַרשטאַנען. די דעמאָלטדיקע שרייבער האָבן זיך פּשוט געשעמט צו שרייבן אין דער אידי־שער שפּראַך, אין דעם לשון פון גאַנצן פאָלק, אַז דאָס גאַנצע פאָלק זאָל זיי פאַרשטיין.

אָבער אונזער שלום־יעקב אַבראַמאָוויטש איז געווען דער איינציקער גרויסער העברעאישער שרייבער פון זיין צייט, וואָס האָט זיך ניט געשעמט מיט אונזער מאַמע־לשון, און האָט אָנגע־הויבן שרייבן אין דער שפּראַך פון׳ם אידישן פאָלק, אַז דאָס גאַנצע אידישע פאָלק זאָל אים פאַרשטיין.

און דאָס גאַנצע אידישע פאָלק האָט אים פאַרשטאַנען און ליב באַקומען אויף אייביק. דאָס אידישע פאָלק האָט ליב באַ־קומען זיין ערשטן גרויסן אידישן שרייבער, וואָס האָט ביים פאָלק גופא גענומען דאָס לשון און דאָס גאַנצע אָרעמיקע פאָלקס לעבן, און האָט עס שפּעטער צוריקגעגעבן דעם פאָלק אין אַזאַ

לויטערקייט און אייביקער שיינקייט, אַז דאָס פֿאָלק וועט אים אייביק געדענקען און אייביק ליב האָבן.

און ווען שלום-יעקב אַבראַמאָוויטש האָט אָנגעהויבן שרייבן אין אידיש, האָט ער אויך אַוועקגעלייגט אַן אַ זייט זיין נאָמען שלום-יעקב אַבראַמאָוויטש, וואָס איז באַרימט געווען אין דער שטאָלצער העברעאישער ליטעראַטור, און ער האָט פאַר זיך אויסגעקליבן דעם האַרציקן פאָלקסטימלאַכן נאָמען מענדעלע מוכר-ספרים.

דעם אמת געזאָגט, האָט אַבראַמאָוויטש זיך אַליין אָנגערופן „סענדערל מוכר-ספרים“, אַ נאָמען פון איינעם אַ סענדערל מוכר-ספרים, אַ פאַקנטרעגער, וואָס פלעגט אַמאָל אַראָפּקומען מיט ביכלאַך און ספרים קיין קאָפּוליע. נאָר אַזוי ווי ער האָט געשיקט דרוקן זיין ערשטע דערציילונג אין אידיש צום באַרימטן אידישן שרייבער און רעדאַקטאָר פון דער צייטונג „קול מבשר“ צעדערבוימען, וואָס זיין ערשטער נאָמען איז געווען סענדער, האָט מסתמא צעדערבוים ניט געוואָלט, אַז אַ צווייטער אידישער שרייבער זאָל אויך הייסן סענדער, האָט ער גענומען און אומגעביטן דעם נאָמען „סענדערל“ אויף „מענדעלע“. און פון דעמאָלט אָן איז שוין אַזוי פאַרבליבן דער נאָמען „מענדעלע מוכר-ספרים“.

ווען מענדעלע האָט אָנגעהויבן שרייבן און דרוקן זיינע ווערק אין דער אידישער שפּראַך, איז ער שוין דעמאָלט אַלט געווען פיר און דרייסיק יאָר, דאָס מיינט — אין יאָר 1865; און פון דעם יאָר אָן הייבט זיך אָן דאָס שענסטע און גרעסטע קאַפּיטל אין אונזער שלום-יעקב׳ס לעבן: דאָס קאַפּיטל: „מענדעלע מוכר-ספרים“.

און דאָס קאַפּיטל „מענדעלע מוכר-ספרים“ ציט זיך פון איצטער גאַנצע קיילאַכדיקע פופציק יאָר. ווייל פופציק קיילאַכדיקע יאָר איז אונזער מענדעלע געזעסן געבויגן ביי זיין

שרייבטיש מיט די ברילן אויף די אויגן און האָט געשריבן וואונדערלאַכע מעשיות פון אידישן לעבן, איין מעשה שענער פון דער צווייטער.

און דאָס אידישע מאַמע-לשון, מיט וועלכן די העברעאישע שטאָלצע שרייבער האָבן זיך געשעמט, האָט ביי מענדעלען באַקומען גאָר אַן אַנדער פּנים. מענדעלע האָט דער ערשטער אַנטדעקט אין אונזער פאָלקס-לשון אוצרות גאַנצע פון רויען און טייערן גאָלד; און אין די פופציק יאָר האָט ער פון דעם גאָלד געגאסן, געטאָקט, געפיילט און געמייסטערט וואונדער־לאַכע קונסטשטיק פון אידישן וואָרט, וואָס זיי שיינען אַרויס פון אַלע זיינע ווערק, פון יעדער שורה זיינער, און אַפילו פון די בעסטע אידישע שרייבער, וואָס זיינען געקומען נאָך אים...

צווישן דיערשטע דערציילונגען, וואָס מענדעלע האָט גע־שריבן אין אידיש, האָט ער אויך אָנגעשריבן אַ דראַמע: די „טאַקסע“.

אין דער „טאַקסע“ פירט מענדעלע אַרויס די „כשר׳ע“ פרומע באַלעבאַטים פון שטאָט, וועלף אין שעפּסן-פעל, וואָס זיינען „בעל צדקות איבער אַ פרעמדער קעשענע“, דאָס מיינט, אַז זיי קענען זיך פאַרגינען צו זיין שיינע מענטשן אויף אַ צווייטנס רעכענונג.

די בערדיטשעווער באַלעבאַטים, די שטאָטישע דעה-זאָגער און רעדלפירער האָבן אין דער „טאַקסע“ זיך אַליין דערקענט ווי אין אַ שפּיגל. און זיי האָבן ניט געקאָנט מוחל זיין דעם שרייבער אַזאַ „חוצפה“ — צו ווייזן דער וועלט זייערע אמת׳ע פּנים׳ער; און זייער נקמה האָט געבראַכט דערצו, אַז מענדעלע האָט געמוזט פאַרלאָזן בערדיטשעוו און אַריבערפאָרן מיט זיין ווייב און קינדער אין דער שטאָט זשיטאָמיר. דאָס איז געווען אין יאָר 1869.

אין זשיטאָמיר נעמט זיך אונזער מענדעלע ווידער צום

לערנען און האלט אויס עקזאמען פאר ראבינער אין דער דאר־טיקער ראבינער־שול.

און מענדעלע ווערט לערער אין דער ראבינער־שול און איז אין דער זעלבער צייט פארטאן אין זיין ליטעראַרישער ארבעט.

אין יאר 1881 פארלאזט אונזער מענדעלע די שטאט זשי־טאמיר און באזעצט זיך מיט זיין הויזגעזינד אין דער גרויסער שטאט אדעס, וואו ער ווערט דער פארוואלטער פון דער אדע־סער תלמוד־תורה, א שטעלע, אויף וועלכער ער פארבלייבט ביז׳ן סוף פון זיין לעבן.

מענדעלע איז געווען א גוטער און א געשולטער לערער און האט ליב געהאט קינדער און האט ליב געהאט לערנען מיט זיי. און ניט קוקנדיק, וואס ער איז געווען שטארק פארנומען מיט זיין שולארבעט, האט ער זיין גאנצע פרייע צייט אוועקגעגעבן פאר שרייבן.

און אנגעשריבן האט מענדעלע זייער א סך ווערק, קיר־צערע און לענגערע דערציילונגען, מעשיות וואס זיינען אנגע־לאדן מיט לעבעדיקע בילדער פון אידישן לעבן, בילדער, אין וועלכע ער האט פאר אונז פאראייביקט דאס לעבן פון אונזערע זיידעס און עלטערזיידעס, באבעס און עלטערבאבעס. ווען ניט מענדעלעס מייסטערווערק, וואלטן מיר אפילו פאר זיך ניט געהאט די שאטנס פון אונזערע זיידעס און באבעס.

אויסער אזעלכע ווערק ווי „דאס קליין מענטשעלע“, די דראמע: „די טאקסע“, „דאס יודל“, א דראמע אין פינף אקטן: „דער פריזיוו“, די בארימטע מעשה: „די קליאטשע“ און א סך, א סך אנדערע גרויסע ווערק, האט מענדעלע נאר זיך אויך אי־בערגעלאזן פיר גאר גרויסע מייסטערווערק, וואס קענען זיך פארגלייכן מיט די מייסטערווערק פון דער וועלט־ליטעראטור. דאס זיינען: „פישקע דער קרומער“, דאס „ווינטשפינגערל“,

„מסעות בנימין השלישי“, און זיין גרעסט מייסטערווערק: „שלמה ר׳ חיים׳ס“.

אזעלכע מייסטערווערק, געשריבן אין אזא שיינער און רייכער אידישער שפראך, האבן דערהויבן אונזער ליטעראטור צו דער הייך פון וועלט-ליטעראטור און אונזער פשוט׳ן מאמע-לשון צו א הויכער קולטור שפראך. און דערפאר זיינען זיינע בעסטע ווערק איבערגעזעצט געווארן אין פארשיידענע איירא-פעאישע שפראכן.

מיר וואלטן געוויס גרויס פארגעניגן געהאט, קינדער, ווען מיר דערציילן דא פאר אייך די אלע מעשיות, וואס אונזער מענדעלע האט אנגעשריבן. נאר דער אמת איז, אז מיר ווילן ביי אייך ניט צונעמען די הנאה פון לייענען מענדעלען אליין. ווייל אזא גרויסן שרייבער, ווי אונזער מענדעלע איז געווען, מוז איטלאכער לייענען אליין.

אונזער מענדעלע מוכר-ספרים, וואס האט מיט זיין גרויסן טאלאנט דערהויבן אונזער אידישע ליטעראטור און אונזער אידישע שפראך, האט אליין א סך פון זיינע ווערק, וואס ער האט געשריבן אין אידיש, איבערגעזעצט מייסטעריש אין העב-רעאיש.

אבער מענדעלעס גרויסקייט ליגט אין זיינע אידישע מייס-טערווערק, אין די ווערק, וואס ער האט געשריבן אין מאמע-לשון, אין אונזער שיינער אידישער שפראך. מענדעלעס גרויס-קייט ליגט אויך אין דעם, וואס מיט זיין מייסטערשאפט פון א גרויסן טאלאנט און מיט זיין זעלטענעם געפיל פאר אונזער אידישער שפראך, האט ער דער ערשטער אנגעהויבן בויען אונזער נייע וועלטלאכע אידישע ליטעראטור און האט פאר אונז אויך דער ערשטער געעפנט אלע רייכע קוואלן פון אונזער אידישער שפראך.

נאך אונזער מענדעלע מוכר-ספרים איז שוין געווען גרינ-

גער צו שרייבן אין שיינעם אידיש; און אפילו אונזער גרויסער שרייבער שלום-עליכם האָט זיך מודה געווען, אַז די קונסט פון שרייבן אין אונזער שיינעם אידיש האָט ער זיך געלערנט ביי מענדעלען; און דערפאַר טאַקע האָט אים שלום-עליכם דער ערשטער אָנגעהויבן רופן „זיידע", זיידע פון אונזער אידישער ליטעראַטור.

און דער נאָמען „זיידע" האָט טאַקע גוט געפּאַסט צו אונזער מענדעלע מוכר-ספרים, וואָס האָט זיך מיט דער צייט געעלטערט אין שווערער אַרבעט און פאַרדינטן כבוד. און דער נאָמען „זיידע" האָט זיך צו אים אַזוי צוגעקלעפּט, אַז ניט נאָר די איינגערע שרייבער — „די אייניקלאַך", נאָר אפילו זיינע אייגענע קינדער האָבן אים אָנגעהויבן רופן ניט אַנדערש ווי „זיידע"...

און אונזער „זיידע" זעט שוין איצט אויס ווי אַ זיידע. די האָר אויף זיין קאָפּ זיינען נאָך געקרויזט, ווי אין זיינע יונגע יאָרן, נאָר זיי זיינען שוין איצט גרוי, און ווייס איז זיין באָרד, ווייס ווי מיט שניי באַשאָטן. נאָר אונזער „זיידע" איז נאָך שטאַרק און געזונט און צו זיינע זיבעציק יאָר אַרבעט ער שווער, ווי אַ יונגערמאַן.

און ווען אונזער „זיידע" איז אַלט געוואָרן פולע זיבעציק יאָר, האָבן די אידישע פאָלקס-מאַסן זיך געגרייט פייערן זיין זיבעציק יאָריקן יובילייּ. דאָס איז געווען אין יאָר 1905.

נאָר די פינצטערע כמאַרע פון אידישע פּאָגראָמען האָט זיך דעמאָלט אָנגערוקט אויף די רוסישע אידן און האָט געמאַכט אַ וויסטן חורבן אויף אידישע שטעט און שטעטלאַך, האָט די זעלביקע כמאַרע אויך פאַרשטערט דעם פאָלקס יום-טוב, דעם ווילן צו פייערן מענדעלעס יובילייּ.

די אידישע פּאָגראָמען האָבן צעבראָכן דעם געמיט פון אונזער „זיידן"; און ס'האָט גענומען אַ לאַנגע צייט, ביז דער

„זיידע" האָט זיך אין אויסלאַנד, אין דער שווייץ, געקענט באַרואיקן.

דערפאַר אָבער האָבן די אידישע פאָלקס-מאַסן געפייערט גרוים דעם „זיידנס" פ י נ ף א ו ן ז י ב ע צ י ק יאָריקן יובילײ. פון אַלע ווינקעלאַך פון די אידישע שטעט און שטעטלאַך האָט דאָס אידישע פאָלק באַגריסט מיט ליב און כבוד דעם „זיידן" פון דער אידישער ליטעראַטור.

און דער „זיידע" אַליין — אין עלטער פון פינף און זיבעציק יאָר מאַכט ער אַ טריאומף-רייזע איבער אידישע שטעט און שטעטלאַך, וואו דאָס פאָלק נעמט אים אויף מיט גרוים אַכטונג און גרוים כבוד, און טראָגט אים ממש אויף די הענט. אַזאַ כבוד האָט נאָך קיין אידישער שרייבער ביי אידן ניט געהאַט.

און אין עלטער פון צוויי און אַכציק יאָר, נאָכדעם ווי אונזער זיידע מענדעלע מוכר-ספרים איז פאַרטיק געוואָרן מיט אָנשרייבן אַזוי פיל וואונדערלאַכע ווערק, האָט ער שוין געקענט אַוועקלייגן זיין פען און צושליסן זיינע מידע, שיינע, אַלטע אויגן און אַנטשלאָפן ווערן אין רו... אין אייביקער רו... דאָס איז געשען דעם 8טן דעצעמבער, 1917.

און צו זיין אייביקער רו האָבן דעם „זיידן" באַגלייט טויזנטער און טויזנטער אידן — אייניקלאַך און אוראייניקלאַך פון יענע זיידעס און באָבעס, וואָס דער „זיידע" האָט זייער לעבן אינאיינעם מיט זייער מוטער-שפּראַך פאַראייביקט אין זיינע ווערק אויף דור דורות.

490